# פרשת ראה כ"א – כ"ז אב תשע"ז לפ"ק

***יום שני פרשת ראה***

בשעות הצהרים יצא **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו למדינת אונגארן, להשתטח על קברי אבות (במיוחד לרגל היומא דהילולא של חותנו **כ"ק הגה"צ רבי משה מרדכי פאללאק זצוק"ל** אב"ד וואדקערט, בעל **פרי משה**, שנסתלק ביום ז"ך אב תש"ט לפ"ק, ומנו"כ בעיר וואדקערט יצ"ו), **ואצל** קברי שאר הצדיקים אשר בארץ המה, להעתיר בעדו ובעד כל קהל עדת מרעיתו, להפקד בדבר ישועה ורחמים. - בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לעיר בודאפעסט, ונסע להעיר קערעסטיר, שמה התפלל תפלת מעריב. אחר כך נסע לעיר טערצאל ללינת לילה.

*

***יום שלישי פרשת ראה***

בשעות הבוקר חזר **רבינו שליט"א** לעיר קערעסטיר, ולאחר טבילה במקוה, התפלל שם תפלת שחרית, ועלה לציונו של **הרה"ק רבי ישעי' מקערעסטיר זי"ע**. משם נסע לעיר ליסקא – ציונו של **הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע בעל אך פרי תבואה**. אוהעל – ציונו של **הגה"ק בעל ישמח משה זי"ע, והרה"ק רבי סענדר מקאמארנא זי"ע**.

משם נסע **רבינו שליט"א** לעיר מאד להשתטח על קברי אבותיו, **הגה"ק בעל קול אריה זי"ע**, ובניו אחריו, ושאר גאונים וצדיקים הטמונים שם. אחר אמירת תהלים בבית החיים נסע **רבינו שליט"א** לעבר היכל הבית הכנסת הגדול בעיר מאד, העומד על תילה בתפארתה, שמה אמר כמה מזמורי תהלים במקום שהתפללו בו אבותיו.

משם נסע לעיר טאקאי – קברי אבות: **הג"מ רבי יוסף דוד הורוויץ זצ"ל**, חותנו של **הגה"ק משאמלויא זצ"ל**. סעמיהאלי – קברי אבות: **הגה"ק רבי יהודא גרינפעלד זצוק"ל** אב"ד סעמיהאלי בעל **קול יהודא** (חותנו של הגה"צ רבי ישעי' פאללאק זצוק"ל אב"ד וואדקערט), **ובנו הגאון המהרש"ג מסעמיהאלי זצוק"ל**. ראצפערט – ציונו של **הגה"ק רבי נפתלי הירצקא מראצפערט זי"ע**. בעסערמין (קברי אבות מבית חמותו ע"ה).

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לעיר וואדקערט להתפלל על ציון חותנו **כ"ק הגה"צ אב"ד וואדקערט זצוק"ל. רבינו שליט"א** אמר פרקי תהלים ליד האוהל שעל קברו למשך זמן. אחר כך חזר לעיר בודאפעסט והתפלל תפלת מעריב בעיר.

*

***יום רביעי פרשת ראה***

אחר תפלת שחרית בבודאפעסט נסע **רבינו שליט"א** לעיר סערדאהעלי – ציונו של **הגה"ק מהר"י אסאד זי"ע**, ומקום מנוחת זקינתו הרבנית מינדל ע"ה (אשת הגה"ק מסערדאהעלי זי"ע הי"ד, בתו של **הגה"ק משאמלויא זי"ע הי"ד**).

משם נסע לעיר פרעשבורג לשפוך שיח על ציון קדשו של **מרן החתם סופר זי"ע. רבינו שליט"א** אמר מזמורי תהלים לזמן ממושך ברגש קודש, וקרא הכוללת קוויטל של כל בחורי הישיבה ואנשי שלומינו, ונשא תפלה חרישית על הכלל והפרט למשך זמן.

משם נסע **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בעיר וויען בדרכו חזרה לעיר ניו יארק. בשעות המאוחרות הגיע **רבינו שליט"א** למעונו בקעמפ, ונתקבל על ידי בחורי הישיבה, שעברו לברכת שלום.

*

***יום חמישי פרשת ראה***

בשעות הערב נקבצו ובאו קהל רב תלמידים וחסידים אנשי שלומינו שיחי' לשמוח בשמחתו של **רבינו שליט"א**, שמחת הבר מצוה של נכדו הבחור בנש"ק **יהושע נ"ו בן הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** חדב"ן, בן **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש הגדול במחנינו בפארקסוויל. – במשך הסעודה הנעימו מקהלת ילדים ובחורי המחנה לכבוד השמחה בבית צדיקים.

בסעודת הבר מצוה נשאו דברים הסב **הגה"צ אבד"ק טערצאל שליט"א** ואבי הבר מצוה **הרה"ג רבי אהרן ישעי' שליט"א**. אחר כך השמיע חתן הבר מצוה פלפול בסוגיא דאין מעבירין על המצוות (יומא לג.). אחר הפשעטיל עמדו הקהל בריקודין בתופים ומחולות בשמחה של מצוה, **ורבינו שליט"א** ושאר בעלי השמחה רקדו במחול מיוחד

עם חתן הבר מצוה. – בסיום הריקודין השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לרגל השמחה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל קודם געבן א שבח והודאה פארן רבונו של עולם, אויף דעם זכות אז מיין אייניקל גייט אריין לעול התורה והמצות. ער איז באמת א חשוב'ער בחור, א געוואלדיגער בעל מדות טובות, ער האט זיך זייער שיין אויפגעפירט אלע זיינע יארן, מיט א איידלקייט און א ערליכקייט. דער אייבערשטער זאל געבן, אז ער זאל קענען ווייטער אויך אויסוואקסען א תלמיד חכם און א ערליכער יוד, און דינען דעם אייבערשטען.

**עס** איז מיר נעכטן אויסגעקומען צו זיין ביים ציון פונעם הייליגען **חתם סופר** זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל. און ווי דער סדר איז, קוקט מען אריין אין די דברי תורה פון דעם גדול וואו מען וויל גיין מתפלל זיין אויף זיין קבר, כדי עס זאל זיין שפתותיו דובבות בקבר (יבמות צז:). און אז מיר זענען מעורר זיינע שפתותיו, איז ער אויך מעורר אויבן אין הימל, אויף די וואס זענען מתפלל ביי אים. - איך האב געזען אין **חתם סופר** (בפרשתנו ס.) די נקודה דערפון, און פון זיינע ווערטער בין איך נתעורר געווארן צו דעם וואס איך וויל זאגן.

**איך** וועל זיך אפשטעלן אויף די פרשה פון עיר הנדחת וואס שטייט די וואך אין די פרשה, די תורה הק' זאגט (דברים יג-יג), כי תשמע באחת עריך אשר ה' אלקיך נותן לך לשבת שם לאמר, אז דו וועסט הערן, אז א מעשה האט פאסירט אין איינע פון די שטעט וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן אין ארץ ישראל, אז עס זענען ארויסגעגאנגען אנשים בני בליעל, און זיי האבן מדיח געווען די אלע וואס וואוינען אין די שטאט, זיי האבן צוגערעדט רוב מענטשען פון די שטאט, לאמור נלכה ונעבדה אלהים אחרים אשר לא ידעתם, אז מען זאל גיין דינען פרעמדע אפגעטער. ודרשת וחקרת ושאלת היטב, זאלסטו דורש זיין, און דו זאלסט חוקר זיין, דו זאלסט זיך גוט נאכפרעגן. און אויב דו וועסט זעהן, אז עס איז אמת נכון הדבר, עס איז אמת און ריכטיג וואס מען זאגט, נעשתה התועבה הזאת בקרבך, אויף דעם קומט די מצוה אין די תורה, אז מען זאל אויס'הרג'ענען אלע איינוואוינערס פון די שטאט. ואת כל שללה תקבץ אל תוך רחובה, דו זאלסט צוזאמנעמען זייער גאנצע פארמעגן אויף די גאס, ושרפת באש, מען זאל פארברענען די שטאט ואת כל שללה, כליל לה' אלקיך. והיתה תל עולם לא תבנה עוד, עס זאל נישט בלייבען קיין זכר פון די גאנצע עיר הנדחת.

**איך** וועל זיך אפשטעלן אויף צוויי דיוקים. איינס, וואס איז דער ודרשת וחקרת ושאלת היטב, דו זאלסט דורש זיין, און חוקר זיין. די גמרא (סנהדרין מ.) זאגט טאקע, אז פון דעם פסוק לערנט מען אראפ אז עס דארף זיין ז' חקירות, אבער ביי א יעדע עבירה אין די תורה, אז מען וויל יענעם הרג'ענען, דארף מען מאכן דרישות וחקירות וואס עס האט פאסירט. און אויב עס איז נישט אמת און נכון הדבר וועט מען נישט הרג'ענען אפילו איין מענטש, און כל שכן א גאנצע שטאט. וואס איז די תורה מאריך פונקט דא, ודרשת וחקרת ושאלת היטב. - און וואס וועסטו געוואר ווערן, והנה אמת נכון הדבר. אמת און נכון הדבר איז די זעלבע איבערטייטש. עס איז גענוג אז עס זאל שטיין איינס. אדער אז עס איז געווען אמת, אדער אז עס איז נכון הדבר, עס איז ריכטיג וואס מען האט געזאגט. פארוואס זאגט די פסוק, והנה אמת, נכון הדבר, נעשתה התועבה הזאת בקרבך.

**צווייטענס**, עס איז נישט דא נאך א מצוה אין די תורה, וואס א מענטש איז חייב מיתה אויף א זאך וואס ער האט געטון, אז מען זאל אויך נעמען זיין פארמעגן און מען זאל דאס פארברענען. אין לוקין ומשלם (מכות ד.), אפילו נישט די גאנצע פארמעגן. אז עס קומט אים מיתה, באצאלט מען נישט עקסטער. און דא איז געווען די מצוה אין די תורה, אז מען זאל נעמען אלע פארמעגענס, און עס זאל נישט בלייבן דערפון גארנישט, פארוואס קומט א עונש אויך אויף די פארמעגן. - און די קשיא איז נאך טיפער, די גמרא (בבא קמא קיט.) זאגט, אז א מסור מעג מען הרג'ענען, אבער זיין געלט טאר מען נישט מאבד זיין. ווייל ווען מען הרג'עט אים, האט ער שוין ממילא גארנישט פון זיין געלט, דאס געלט בלייבט פאר זיינע יורשים. קומט אויס, אז ווען איך נעם צו זיין געלט, האב איך נישט געטון א

עוולה פאר אים, ווייל ער וועט שוין ממילא נישט נהנה זיין פון זיין געלט. ווען איך נעם צו דאס געלט, האב איך צוגענומען דאס געלט פון די יורשים. פארוועם גיב איך יעצט דעם עונש, נישט נאר פאר זיי, אז מען הרגעט זיי, נאר מען נעמט זייער געלט, וואס קומט פאר די יורשים, און מען טוט עס פארברענען. וואס זענען די יורשים שולדיג, אויף דעם וואס די יושבי העיר האבן געטון, אז מען נעמט צו פון זיי דאס געלט.

**עס** קען אפשר זיין, דער ענין דערפון איז. אז עס זאל פאסירן אזא מעשה, אז מען זאל קענען צורעדן א גאנצע שטאט צו דינען עבודה זרה, און עס איז בארץ אשר ה' אלקיך נותן לך, מען רעדט אין ארץ ישראל, וואס עס איז געווען א מצוה, לא תחיה כל נשמה (דברים כ-טז). עס איז נישט געווען דארט עובדי עבודה זרה, עס איז נישט געווען דארט א גוי וואס האט צוגערעדט אז מען זאל דינען עבודה זרה, און אויב מען האט צוגערעדט צו דינען עבודה זרה איז עס נאר געווען, יצאו אנשים בני בליעל 'מקרבך', יודען האבן צוגערעדט אז מען זאל גיין דינען עבודה זרה. און מען האט געפאלגט. ווי קומט דאס אז מען זאל קענען איבעררעדן א גאנצע שטאט צו גיין דינען עבודה זרה. עס גייט עפעס אזוי פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט? נעכטן האט מען געדינט דעם אייבערשטען, און א גאנצע שטאט איז זיך מיישב, אז היינט גייט מען דינען עבודה זרה?! מען רעדט דאך נישט פון טיפשים, נאר רוב שטאט האט אזוי געטון.

**נאר דער סדר פונעם יצר הרע איז, מען הייבט אן מיט א קלייניגקייט. מען האט נישט צוגערעדט צו דינען עבודה זרה. נאר מען הייבט אן נאכצולאזן. נישט אלעס איז אזוי וויכטיג צו האלטן, עס איז דא זאכן וואס מען קען מוותר זיין דערויף. דאס איז נאר א מנהג, און דאס איז נאר א דרבנן, דאס איז נישט געפערליך אז מען טוט עס, צו עס איז א אויסנאם, קלייניגקייטן, דאס איז דער דרך פונעם יצר הרע.** היום אומר לו עשה כך, ולמחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו לך עבוד עבודה זרה (שבת קה:). מען איז נישט געווארן א עובד עבודה זרה פון איין מינוט אויפן אנדערן. עס איז שוין דא א לאנגע פראצעדור וואס גייט ארום אין שטאט, ביז מען איז צוגעקומען אז מען זאל גיין דינען עבודה זרה. אזוי זאגט די גמרא (סוכה נב:), אז דער יצר הרע בתחלתו איז ער דומה צו א הלך, צו איינעם וואס גייט נאר אדורך אויף א פלאץ, און ער בעהט, אז מען זאל אים עפעס געבן. נאכדעם ווערט ער אזוי ווי א אורח, מען זאל אים אריינגעמען אויף אין שטוב. און ווען ער איז שוין א אורח, ווערט ער א איש, א בעל הבית אין שטוב. **דער יצר הרע הייבט נישט אן מיט גרויסע זאכן, נאר ער הייבט אן מיט קלייניגקייטן. און ווען מען כאפט זיך נישט אין אנהייב, אז מען זאל נישט נאכלאזן, ווייסט מען נישט וואו מען קומט אן, אז מען קען ווערן שפעטער א עובד עבודה זרה.**

**די** בני בליעל האבן נישט צוגערעדט צו דינען עבודה זרה. מען קען נישט צורעדן א מענטש אים צו מאכען פון א עובד ה', צו א עובד עבודה זרה. אבער זיי האבן אנגעהויבן אפצוקילען דאס יודישקייט צוביסלעך, חוזק מאכן פון א געוויסע זאך, עס איז נישט אזוי געפערליך, עס איז נישט אזוי וויכטיג. און אז מען האט נאכגעגעבן איין קלייניגקייט, און נאך א קלייניגקייט, זענען זיי צוגעקומען, אז זיי זענען געווארן עובדי עבודה זרה.

**פארוואס** כאפט זיך נישט דער מענטש, ווען ער זעהט אז עס הייבט אן א ירידה? מען וואלט עס געדארפט כאפן תיכף אין אנהייב, אז עס קען צוברענגען צו דינען עבודה זרה. **נאר אז דער קאפ ליגט אין געלט, די קאפ ליגט אין ביזנעס, דער קאפ ליגט נישט אין תורה און יראת שמים, לייגט מען נישט צו קיין קאפ צו רוחניות, ווייל דער קאפ ליגט דאך נישט אין דעם. און מען כאפט זיך נישט, אז מיט א קלייניגקייט וואס מען גייט אוועק פון תורה, צו וואו עס וועט צוברענגען.** ווען זייער קאפ וואלט נישט געלעגן אין הבלי עולם הזה, וואלטן זיי געכאפט אז עס הייבט זיך אן עפעס א שינוי פון וואס עס איז געווען פאר דעם, און זיי וואלטן נישט צוגעקומען אז מען זאל דינען עבודה זרה. אבער אז דער קאפ איז געלעגן אינעם געלט, אין עולם הזה, האט מען זיך נישט געכאפט, ביז מען איז צוגעקומען אז מען איז געווארן א עובד עבודה זרה.

**זאגט** די תורה הק', 'כי תשמע באחת עריך', ווען דו וועסט הערן אין איינע פון דיינע שטעט. אין וועלכע שטעט, 'אשר ה' אלקיך נותן לך', נישט אין אמעריקא, נאר אין ארץ ישראל. א פלאץ וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן, אין א פלאץ וואו עס איז געווען די מצוה פון לא תחיה כל נשמה, וועסטו הערן אז עס איז געווען 'יצאו אנשים בני בליעל וידיחו את יושבי עירם, לאמר נלכה ונעבדה אלהים אחרים', זיי האבן נאכנישט געזאגט, אז מען זאל גיין דינען עבודה זרה, נאר זיי האבן מדיח געווען, 'לאמר', מיט אזעלכע סטעפ"ס וואס וועט צוברענגען דערצו, אז נאכדעם וועט מען זאגן נלכה ונעבדה אלהים אחרים.

**וועסטו** דאך נישט גלייבן אז אזא זאך זאל זיין. ווי אזוי קען דאס זיין אז א גאנצע שטאט זאל מען קענען צורעדן צו דינען עבודה זרה. זאגט די תורה, 'ודרשת וחקרת ושאלת היטב', זיי דורש און זיי חוקר ווי אזוי עס איז צוגעקומען אזא מעשה. מען רעדט נישט דא אז מען זאל מברר זיין אז מען האט געדינט עבודה זרה, זיי האבן דאך געהאט עדים והתראה, אן עדים והתראה האט מען נישט גע'הרג'ט. נאר זיי דורש און חוקר וואס איז די סיבה וואס האט צוגעברענגט דערצו, אז עס קען זיין אז א גאנצע שטאט זאל ווערן עובדי עבודה זרה. וועסטו זעהן 'והנה אמת', עס איז אמת וואס האט פאסירט, 'נכון הדבר', דאס איז שוין געווען צוגעגרייט פון פריער. עס איז געווען א הכנה אז מען זאל צוקומען דערצו, אז מען זאל דינען עבודה זרה. מען רעדט נישט תיכף צו א מענטש, גיי דין עבודה זרה. ווען דו וועסט דורש זיין און חוקר זיין, וועסטו זעהן אז 'והנה אמת נכון הדבר, נעשתה התועבה הזאת בקרבך', עס איז געווען צוגעגרייט, עס איז געווען אויספלאנירט, ווי אזוי מען זאל אפקילן פון תורה. מען וועט חוזק מאכן פון יודישקייט, און אפקילן א מענטש פון תורה, און נאכדעם וועט מען צוקומען און זאגן, אז מען זאל גיין דינען עבודה זרה. - אזוי קען מען מדיח זיין א גאנצע שטאט. ווען מען כאפט זיך נישט אין אנהייב, ביי די קלייניגקייטן, אז מען זאל נישט נאכלאזן, הייבט מען אן נאכצולאזן איין זאך, און נאכדעם א צווייטע זאך, און א דריטע זאך, עד שאומר לו לך עבוד עבודה זרה, ביז מען זאגט אז מען זאל גיין דינען עבודה זרה.

**די** פאריגע וואך אין די פרשה פון קריאת שמע, זאגט די תורה הק', השמרו לכם פן יפתה לבבכם, וסרתם ועבדתם אלהים אחרים (דברים יא-טז). זאגט רש"י, 'וסרתם', ווען א מענטש איז נישט עוסק בתורה, ער לאזט איבער די גמרא, ער האט נישט קיין שיעור צום לערנען, וועט די סוף זיין, 'ועבדתם אלהים אחרים', ער וועט ווערן א עובד עבודה זרה. דוד המלך האט געזאגט (שמול א כו-יט) כי גרשוני היום מהסתפח בנחלת ה', לאמר לך עבוד אלהים אחרים, זאגט רש"י, ווער האט געהייסען פאר דוד המלך אז ער זאל גיין דינען עבודה זרה, קיינער האט אים נישט געהייסען דינען עבודה זרה. נאר וויבאלד מען האט מיך נישט געלאזט לערנען, מען האט מיך פורש געווען פון עסק התורה, האט דוד המלך שוין געזעהן דעם סוף, לאמר לך עבוד אלהים אחרים, אז מען זאגט אים אז ער זאל גיין דינען עבודה זרה.

**ווי** אזוי האט מען זיך נישט געכאפט די גאנצע צייט וואס דא האט פאסירט? דאס איז נאר מכח דעם, ווייל מען איז געווען פארטון אינעם געלט. ווער האט דיר צוגעברענגט צו דינען עבודה זרה, דיין געלט. האט די תורה געהייסען, אז מען זאל נישט נאר הרג'ענען די מענטשען וואס האבן געדינט עבודה זרה, נאר ואת כל שללה תקבץ אל תוך רחובה, ושרפת באש. דאס איז נישט א עונש, נאר דאס געלט האט דיך צוגעברענגט, דאס איז געווען די גרמא, וואס האט דיך צוגעברענגט צו דינען עבודה זרה.

**עס** שטייט אין **אגרא דפרקא** (אות קכו), אז מען זעהט אסאך מאל ווי קינדער פירן זיך אויף אזוי שיין און ערליך אין די יוגנט, און שפעטער לאזן זיי נאך. זאגט ער, אז דאס נעמט זיך פון דעם, טאמער דאס געלט פון א מענטש איז נישט ערליך געלט, און פון דעם גיט מען צו עסן פאר די קינדער, פון דעם איז ער זיי מפרנס, ווערט דער גוף נתפטם פון געלט וואס איז נישט ערליך, ממילא ווערט אפגעקילט דאס יודישקייט, דאס התלהבות, פון תורה און עבודת ה'. - **ווען א מענטש וויל האבן גוטע קינדער, ער וויל אז די קינדער זאלן ווייטער זיין עובדי ה', אזוי ווי זיי זענען אין די יוגנט, דארף מען וויסן אז מען דארף זיין געהיטן אין משא ומתן**

**וואס מען טוט, אז די געלט זאל זיין ערליך געלט, און מיט דעם זאל מען מפרנס זיין די קינדער.**

**אויב** די עלטערן האבן פאר געלט געקענט זיין עובדי עבודה זרה, האט די תורה געזאגט, אז דאס געלט זאל מען נישט איבערלאזן פאר די קינדער. ווייל וואס וועט זיין נאכדעם. די קינדער וועלן זיך אנעסן מיט דעם געלט וואס דער טאטע האט פארדינט, וואס ער איז געווארן א עובד עבודה זרה, און די קינדער וועלן אויך ווערן עובדי עבודה זרה. האט די תורה געהייסען, ואת כל שללה תקבץ אל תוך רחובה, מען זאל נעמען דאס געלט, דאס זאל נישט גיין ווייטער, כדי עס זאל קענען זיין א קיום פאר די דורות. דאס איז די טובה פון די קינדער, אז זיי זאלן נישט נהנה זיין פון די געלט וואס האט צוגעברענגט די עלטערן צו ווערן עובדי עבודה זרה.

*

**דער** בר מצוה בחור, איז א אייניקל פונעם הייליגן **ערוגת הבשם זי"ע**. דער **ערוגת הבשם** (פ' כי תצא) זאגט, כי תצא למלחמה על אויביך, ושבית שביו (דברים כא-י), אז מען דארף זיך אראפצולערנען פונעם יצר הרע'ס וועג. ווי אזוי דער יצר הרע רעדט צו דעם מענטש צו טון א עבירה, די זעלבע זאך דארף א מענטש נעמען צו זיין א עובד ה'. דער יצר הרע הייבט אן מיט א קלייניגקייט, נאך אביסל, און נאך אביסל, ער ברעכט איין גדר, און א צווייטן גדר, ביז ער קומט אריין אין שטוב אריין.

**א** מענטש קען נישט אלעס מתקן זיין אויף אמאל, ער דארף אבער אנהייבן צוביסלעך, מיט קלייניגקייטן. לערן זיך אויס פונעם יצר הרע, אז מיט קלייניגקייטן וואס ער הייבט אן, קען ער צוקומען דיך צו מאכן פאר א עובד עבודה זרה, קענסטו אנהייבן מיט קלייניגקייטן צו דינען דעם אייבערשטען. נעמען אויף זיך א שיעור, אביסל מער לערנען, אביסל מער דאווענען, אביסל מער צדקה געבן, אביסל מער כוונה אין א מצוה וואס מען טוט, צוביסלעך. נעם דעם וועג פונעם יצר הרע, און אזוי זאלסטו אויך דינען דעם אייבערשטען.

**זאגט** דער הייליגער **ערוגת הבשם**, אז דאס איז דער פשט אינעם פסוק (בראשית ד-ז), 'לפתח חטאת רובץ', דער יצר הרע זוכט נאר א פתח, און נאכדעם 'ואליך תשוקתו', נאכדעם נעמט ער דיך אינגאנצן אריין, ער האט דיך געכאפט. אבער 'ואתה', און דו, 'תמשול בו', נעם א משל פונעם יצר הרע, ווי אזוי דו זאלסט דינען דעם אייבערשטען. נעם די זעלבע וועג וואס דער יצר הרע זוכט דיך אוועקצונעמען פון תורה, זאלסטו אויסנוצען פאר תורה.

**'כי** תצא למלחמה על אויביך', עס קומט א צייט ווען מען ווערט בר מצוה, ווען עס ווערט א מלחמה צווישן דעם יצר טוב מיט דעם יצר הרע, 'ונתנו ה' אלקיך בידך', דו זאלסט וויסן אז מען קען מנצח זיין דעם יצר הרע. 'ושבית', דו זאלסט פאנגען, 'שביו' אזוי ווי ער האט דיך געפאנגען. פונקט ווי די מלחמה וואס דער יצר הרע פירט מיט דיך, הייבט ער אן מיט קלייניגקייטן, מיט דעם זעלבן וועג וואס ער האט דיך געפאנגען, זאלסטו אים צוריק פאנגען.

**ב"ה** דער בר מצוה בחור, האט זיך אזוי שיין אויפגעפירט אלע זיינע יארן ביז יעצט, איז דא צו האפן אז ער וועט אויסוואקסען א כלי תפארת פארן כלל ישראל. מען זאל שטענדיג געדענקען, נישט נאכלאזן די קלייניגקייטן, ווייל אלעס פאנגט זיך אן ווען מען איז מוותר אויף די קלייניגקייטן, און דורכדעם קומט מען צו שפעטער, אז מען ווייסט נישט וואו מען גייט אנקומען. מען דארף זיך האלטן מיט אלע גדרים וסייגים וואס מען נעמט אויף זיך אין די יוגענט, און דאס ממשיך זיין אויף שפעטער.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל שטייגען אין תורה, און יראת שמים. און אלע משתתפים וואס האבן זיך מטריח געווען צו קומען צו די בר מצוה, וואס זיי געבן צו א עקסטערע חשיבות צו די שמחה, זאל זיי דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן קענען זעהן אסאך נחת ביי זייערע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שישי פרשת ראה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לנכדו הבחור בנש"ק **יהושע ראזנער** נ"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת ראה***

**רבינו שליט"א** ירד לפני התיבה לתפלת מוסף לרגל היארצייט של חמיו **הגה"צ אב"ד וואדקערט זצוק"ל.** אחר התפלה התקיים קידושא רבא, כשבמהלכה עשה נכד בעל הילולא הבחור בנש"ק **יחזקאל שרגא כ"ץ** נ"ו סיום מסכתא, **ורבינו שליט"א** אמר קדיש.

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכא בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **אליעזר מרדכי שווארץ** הי"ו לשור אליהו הנביא. אחר כך סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע,** (מתוך הספר מפיהם ומפי כתבם). בברכת המזון נתכבד הר"ר **שמואל ראאב** הי"ו (לרגל נדבת לבו לפאר ולרומם בית אלקינו, בארון הקודש מפוארת כלילת יופי בבית המדרש החדש שע"י מחנה הקיץ דישיבתנו הק').

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

פעם היה מדובר שהרה"ג **רבי יעקב יוקל הירש זצ"ל** בעמח"ס **ברכת יעקב** יתקבל לכהן ברבנות עיר גארליץ, ואמר **הדברי חיים שרבי יוקל** לא יהיה רב בגארליץ. ואמר אחד **להדברי חיים זי"ע**, הלא **הרה"ק רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב זי"ע** אמר, שהכריזו בשמים שאכן יתקבל **רבי יוקל** לכהן ברבנות גארליץ. אמר על זה **הדברי חיים**, מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיע, ומלפנים היה נהוג אז ווען מען האט געדארפט עפעס אויסרופן, פלעגט דער פויקער ארום גיין אין די שטאט און אויסרופן, און די יונגלעך פלעגן לויפן נאך די פאליציי וואס האט געקלאפט אין פויק, און זיי האבן אוודאי נישט פונקטליך אויסגעהערט. און געווענליך ווען איינער הערט האלב, לייגט ער צו דאס איבריגע, און יעדעס יונגל האט פארציילט אנדערש. כמו כן הוא בשמים, מכריזים שמה איזה דבר, וכל מלאך במקומו שומע אחרת, וקצת באים לשמים ושואלים למלאך על דבר ההכרזה, המלאך אומר כמו ששמע הוא. אבל אני אוחז את הפויקער בעצמו, והנני שואל אותו וואס האסטו געפויקט. – היינו **שהדברי חיים** אמר, שמה ששמע הוא ברור יותר. [ולבסוף נתקבל לכהן ברבנות 'גליל' גארליץ].

**וביאר רבינו:** מען געפונט אויך אזוי אין די גמרא (סוכה מה:), אז די נביאות איז נישט ביי יעדן איינ'ג. עס זענען דא וואס זעהן באספקלריא המאירה, און עס זענען דא וואס זעהן באספקלריא שאינה מאירה. עס איז דא אמאל וואס א נביא זעהט קלאר, און אמאל איז דא וואס ער זעהט עס פארנעפלט. עס איז אויך א נבואה, אבער עס איז נישט אזוי קלאר ווי א זאך וואס מען זעהט באספקלריא המאירה. - דאס האט דער **צאנזער רב** געזאגט, אז אין די זאך האט ער מער מרגיש געווען ווי **רבי אייזיקל זידיטשובער זי"ע.**

*

**הגאון רבי אריה לייבוש זצ"ל,** אביו של **הדברי חיים זי"ע,** היה בסוף ימיו דיין בעיר פשעמיש, ואחר פטירתו אמר פעם בנו **הדברי חיים**, שחפש את אביו בגן עדן ולא מצאוהו, אחר כך הלך לגן עדן עליון יותר, ושם מצא את אביו. ושאל לו בנו **הדברי חיים**, טאטע ווי קומסטו דא אהער, (כי היה לו לפלא, שהבין שאביו קומט נישט צו זיין אין דעם הויכן גן עדן). ענהו אביו, מהקדיש הראשונה שאמרת עלי הושיבו אותי הנה.

ואמר **הרה"ק רבי יעקב מפשעווארסק זצ"ל**, שהיה לו זאת לפלא, על פי מה שראה כתוב (בהיכל הברכה פ' ברכה), **שהרה"ק רבי יחיאל מיכל מזלאטשוב זי"ע** אמר, שבעולם העליון אחר פטירתו עולה מעולם אל עולם גבוה יותר, כמו בחיים חיותו שעלה ממדריגה למדריגה. הרי לך שגם בעולם העליון מוסיפים והולכים מדרגה לדרגה. **ורבי לייבוש** הנ"ל הלא ישב שם זמן מה, ולא עלה לעולם גבוה יותר. ואמר שחשב לתרץ, כי בגן עדן של **רבי מיכל מזלאטשוב זי"ע** היה על פי דרך עבודתו בעולם הזה, אמנם הגן עדן של **רבי לייבוש** היה מתנה מן השמים, בזכות בנו **הדברי חיים**, ומתנה נותנין רק פעם אחת.

**והוסיף רבינו:** די גמרא (ברכות סד.) זאגט, אז צדיקים אין להם מנוחה לא בעולם הזה ולא בעולם הבא, שנאמר (תהלים פד-ח) ילכו מחיל אל חיל, זיי גייען אלץ פון איין חיל צו א אנדערע חיל. לויט דעם איז

דער פשט, אז צדיקים אין להם מנוחה לא בעולם הזה, די צדיקים וואס האבן נישט קיין מנוחה בעולם הזה, ער שטייט נישט אויף איין פלאץ אויף די וועלט, נאר אלץ גייט ער פון איין מדריגה צו א אנדערע מדריגה, ממילא האט ער נישט קיין מנוחה בעולם הבא אויך נישט. - אבער דאס וואס א מענטש האט באקומען א מתנה, מען האט אים געגעבן א פלאץ אויבן אין גן עדן, בלייבט ער דארט, און ער גייט נישט פון דארט ווייטער.

*

אצל **הרה"ק בעל דברי חיים זי"ע** שחחו פעם מרופא אחד. ואמר יושב אחד, שהרופא צריך לעשות תשובה (א חסידיש לשון, כשאינו רוצה להזכיר שהוא איש חוטא). אמר **הדברי חיים**, וואס? ער דארף תשובה טון? יעך דארף תשובה טון. - שיטת הצדיקים היה, כי אם היה הצדיק יותר בשלימות, לא היה הרופא חוטא, וגם מצב הדור לא היה ירוד כל כך.

**והוסיף רבינו:** לויט דעם, פארשטייט מען וואס עס שטייט ביים חטא העגל, ווען משה רבינו האט געבעטן ועתה אם תשא חטאתם, ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת (שמות לב-לב), אויב דער אייבערשטער איז נישט מוחל פאר זיי, זאל דער אייבערשטער מוחה זיין משה רבינו. פארוואס דארף דער אייבערשטער מוחה זיין משה רבינו? ווייל א צדיק נעמט דעם שולד אויף זיך. אויב יודען קוקן אזוי אויס, איז א סימן אז דער מנהיג איז נישט ווי עס דארף צו זיין. ווען משה רבינו וואלט געווען ווי עס דארף צו זיין, וואלט נישט צוגעקומען אז מען זאל זינדיגען. ועתה אם תשא חטאתם, ואם אין, טאמער דו ביסט נישט מוחל פאר זיי, בין איך דאך דער שולד אז זיי זענען אזוי, איז מחני נא מספרך אשר כתבת.

**דער** קשיא איז דאך טאקע שווער, ווי אזוי קען טאקע זיין, אז עס איז געווען אזא מנהיג ווי משה רבינו, און יודען האבן געזינדיגט. איז דער תירוץ, אז משה רבינו איז געווען דעמאלטס אין הימל, ער איז נישט דא געווען, ממילא האבן זיי געקענט זינדיגן. ווען משה רבינו וואלט געווען דא אונטען, וואלט טאקע נישט צוגעקומען דערצו, אז זיי זאלן זינדיגן.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**